# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן
דורך בני אמונים

381 | פרשת בהר בחקותי | תשפ"א


## מאוצרות אמונים
## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### ראטעווען פון דאס דאווענען כאטש וואס מ'קען

"וְהָיוּ לְךָ יְמֵי שֶׁבַע שַׁבְּתֹת הַשָּׁנִים תֵּשַׁע וְאַרְבָּעִים שָׁנָה" (כה ח)

"מגיד לך שאף על פי שלא עשית שמיטות, עשה יובל לסוף מ"ט שנה" (רש"י, ע"פ תורת כהנים כה יד).

זאגט דער 'חפץ חיים':

אמאל שטעלט זיך א מענטש דאווענען און זיינע ליפן טשעפשען ווי פון זיך אליינ'ס אין די צייט וואס זיין מוח שפאצירט אין אנדערע עולמות... ביז פלוצלינג וועקט ער זיך אויף און זעט אז רוב דאווענען איז אריבער אן כוונה. איז פארשטענדליך אז ער זאל זיך מייאש און זאגן ביי זיך אין הארץ: סייווי האב איך רוב דאווענען נישט אינזין געהאט, וואספארא נוצן וועל איך האבן אויב פון יעצט וועל איך יא אינזין האבן?! ער דארף וויסן אז דאס איז די עצה פונעם יצר הרע, און נאר א נאַר וועט מיט זיין אייגנעם ווילן איבערגעבן זיינע לעצטע פרוטות פארן רויבער וואס האט אים בא'גזל'ט זיין בינטל געלט. אדרבה, ער זאל זיך אנשטרענגען און דאווענען די איבעריגע תפילה מיט כוונה, און אפילו עס וועט זיין נאר איין ברכה - זאל ער עס אוועקכאפן פונעם יצר הרע און אינזין האבן.

אזוי ווי זיין שטייגער האט דער 'חפץ חיים' ערקלערט זיינע ווערטער מיט א וואונדערליכער משל:

א פרוי איז געשטאנען אין מארק און פארקויפט פרוכט, פלוצלינג איז פון ערגעץ וואו אנגעקומען א נידריגער פארשוין און האט אנגעהויבן אוועק כאפן פרוכט פון איר קויש. וויינענדיג און מאכטלאז איז די פרוי געשטאנען און געקוקט ווי די פרוכט ווערן אוועקגענומען פון איר, ביז איינער א קלוגער מענטש וואס האט פון דערווייטנ'ס צוגעזען די גאנצע געשיכטע האט געשריגן צו איר ריכטונג: "ביז ווען וועסטו שטיין און וויינען און גארנישט טון?! וועק דיך אויף, כאפ אויך פון די פרוכט וואס זענען אין דיין קויש וויפיל דו קענסט נאר, און אנטלויף צו א פארזיכערטע ארט, אזוי וועט כאטש דאס ביסל איבערבלייבן ביי דיר!"

'החפץ חיים בנתיבות התפילה' עמ' כט

### די ברכות אין שבת זענען מכניע אלע מזיקים

"וְרָדְפוּ מִכֶּם חֲמִשָּׁה מֵאָה וּמֵאָה מִכֶּם רְבָבָה יִרְדֹּפוּ וְנָפְלוּ אֹיְבֵיכֶם לִפְנֵיכֶם לֶחָרֶב" (כו ח)

רבי יעקב ריישער בעל 'שבות יעקב' זאגט:

### וצויתי את ברכתי - אמן!

"וְצִוִּיתִי אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם" (כה כא)

רבי יעקב חיים דער בן יחיד און ממלא מקומו פונעם 'בן איש חי' שרייבט:

די ווארט 'לכם' [מיטן כולל] איז גימטריה 'אמן'. לויט דעם קען מען אזוי טייטשן דעם פסוק: "וְצִוִּיתִי: אֶת בִּרְכָתִי לָכֶם" - הקב"ה באפעלט, ווען ענק הערן א ברכה זאלן ענק ענטפערן אמן. אזוי ווי דער רמב"ם פסק'נט (ברכות א עג): "יעדער וואס הערט ווי א איד זאגט א ברכה נישט קיין אונטערשייד וועלכע ברכה, כאטש ער האט נישט געהערט די גאנצע ברכה פון אנהויב ביז צו די ענדע, און טראץ ער איז נישט מחוייב מיט די ברכה, איז ער מחוייב צו ענטפערן אמן".

'ציצים ופרחים'

די חכמים האבן מתקן געווען צו זאגן מאה ברכות יעדן טאג, כדי דורך זיי ווען זיך אפטון די צען טויזנט מקטריגים וואס געפונען זיך אין אונזער רעכטע זייט, אזוי ווי עס שטייט (תהלים צא ז): "יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף וּרְבָבָה מִימִינֶךָ אֵלֶיךָ לֹא יִגָּשׁ". וועט עס וועלן זיך אפטון די צען טויזנט מקטריגים וועט די שכינה קענען רוען אויף אונז, ווייל די פלאץ פון השראת השכינה איז נעבן די רעכטע זייט פונעם מענטש, אזוי ווי עס שטייט (שם טז ח) "שִׁוִּיתִי ה' לְנֶגְדִּי תָמִיד כִּי מִימִינִי בַּל אֶמּוֹט". דאס איז דער פסוק מרמז: "וּמֵאָה מִכֶּם" - די מאה ברכות וואס ענק זאגן יעדן טאג, "רְבָבָה יִרְדֹּפוּ" - וועלן נאכיאגן און אונטערטעניגן די צען טויזנט מקטריגים וואס געפונען זיך אין ענקער רעכטע זייט.

אויף דעם האט צוגעלייגט **רבי אהרן ווינטרויב** אז אויף דעם וועג קען מען אויך טייטשן דעם זוהר הקדוש (תרומה קלה כ) וואס מיר פירן זיך צו זאגן שבת ביינאכט בעפאר מעריב: "כַּד עַיִּל שַׁבְּתָא [ווען די שבת קומט אריין]... וְכָל דִּינִין מִתְעַבְּרִין מִנָּהּ [אלע דינים טון זיך אפ פון איר]".

ווי געזאגט, די מאה ברכות וואס מיר זאגן יעדן טאג פארטרייבן פון אונז די צען טויזנט מזיקים. אין די וואכעדיגע טעג איז זייער גרינג צוצוקומען צו די סומע פון מאה ברכות, אבער שבת פעלן זיבעצן ברכות, וועגן דעם איז גע'פסק'נט אין 'שולחן ערוך' (או"ח רפד ג) אז מ'קען זיי משלים זיין דורך ענטפערן אמן אויף די ברכות פון די וואס זענען עולה צו די תורה.

אויב מיר וועלן רעכענען די ברכות פון די וואס זענען עולה לתורה [צוויי ברכות פאר יעדער פון די עלעף מענטשן וואס זענען עולה ביי שחרית און ביי מנחה] מיט די פינעף ברכות פון די הפטורה וועלן מיר האבן זיבן און צוואנציג ברכות, קומט אויס אז אין שבת מאכט מען הונדערט און צען ברכות. לויט דעם, אויב הונדערט ברכות קענען פארטרייבן די צען טויזנט מזיקים וואס זענען מרומז אין פסוק: "וּרְבָבָה מִימִינֶךָ", קענען די איבעריגע צען ברכות פארטרייבן די נאך טויזנט מזיקים וואס זענען מרומז אין פסוק: "יִפֹּל מִצִּדְּךָ אֶלֶף". און וועגן דעם שטייט: "כַּד עַיִּל שַׁבְּתָא ...וְכָל דִּינִין מִתְעַבְּרִין מִנָּהּ" - אינמיטן וואך פאלן אוועק נאר די צען טויזנט מזיקים פון די רעכטע זייט, אבער שבת פאלן אוועק אויך די טויזנט פון די לינקע זייט.

'עיון יעקב' מנחות מג ב (וראה 'אור החיים' ויקרא כו יא) ; 'דביר אהרן' עקב

### די תפילות וואס ווערן נישט אנגענומען - זענען פאר אונזער גוט'ס

"וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי בְּתוֹכְכֶם וְלֹא תִגְעַל נַפְשִׁי אֶתְכֶם" (כו יא)

קען דען זיין אז אויב די אידן וועלן זיך פירן לויט די תורה וועלן זיי זוכה זיין נאר צו די מעלה פון "לֹא תִגְעַל נַפְשִׁי אֶתְכֶם", זיי זענען דאך באליבטע קינדער פונעם אייבערשטן?

ענטפערט מהרא"ל צינץ:

די חכמים זאגן (שמו"ר לא ה) ווען שלמה המלך האט מחנך געווען דעם בית המקדש האט ער געבעטן: "רבון העולם, ווען א מענטש וועט דאווענען פאר דיר אויף געלט, און דו ווייסט אז דאס איז שלעכט פאר אים, זאלסטו אים נישט געבן". פון דעם קענען מיר פארשטיין אז ווען מיר זען איינער בעט עפעס ביים דאווענען און זיין בקשה ווערט נישט אנגענומען, מוז זיין אז דער אייבערשטער ווייסט אז אויב זיין פארלאנג וועט ערפילט ווערן וועט ער צוקומען א רעה.

דאס איז אויך די כוונה פון אונזער פסוק: "וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי בְּתוֹכְכֶם" און די תפילות וואס ענק וועלן דאווענען פאר מיר וועט אנגענומען ווערן. אבער אויב ענק וועלן בעטן אזעלעכע זאכן וואס קען צוברענגען צו שלעכט'ס טון און עובר זיין אויף די מצוות פון די תורה, וועל איך עס נישט אננעמען, כדי: "לֹא תִגְעַל נַפְשִׁי אֶתְכֶם".

'מלא העומר'

"מְשָׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו"



דעם קומענדיגן דאנערשטיג הבעל"ט, ב סיון געפאלט אויס די יומא דהילולא פון הגה"ק בעל 'מנחת אלעזר' פון מונקאטש זי"ע. אין ספר 'דברי תורה' (מהדורה ט אות יח) שרייבט ער איבער די מעלה פון ענטפערן אמן:

**ענטפערן אמן נאך א ברכה ערוועקט און דערנענטערט דעם הארץ פון א מענטש צו דינען דעם באשעפער, מער ווי זאגן די ברכה. און דאס האבן די חכמים אינזין געהאט מיטן זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך". דער ענין איז אויך מרומז אין פסוק (שה"ש א ד): "מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה" - וואס זיינע ראשי תיבות זענען 'אמן'.**

ברכות השחר מיט חברותא - **זוכה זיין צו תפילה ווי עס דארף צו זיין**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## דער פיוט 'יגדל' (ד): דער דריטער עיקר - אינו גוף

### 'אדמך, אכנך ולא ידעתיך'

דערנאך וואס מיר האבן אויסגערופן אז מיר גלייבן אין ה' אז ער איז א יחיד ומיוחד, רופן מיר אויך אויס דעם דריטן עיקר פון אמונה אז ה' איז נישט קיין קערפער און האט נישט קיין געשטאלט פון א גוף, און האט אינגאנצן נישט קיין באציאונג צו א געשטאלט אדער א בילד, און וועגן דעם איז אויך נישט שייך מ'זאל זאגן אויף אים קיין שום קערפערליכע אדער גשמיות'דיגע פעולה אדער באגריף (רמב"ם, פירוש המשנה הקדמה לפרק יא ממסכת סנהדרין, יסודי התורה א ח-יב). ריכטיג טאקע אז עס זענען דא אסאך פסוקים וואס דערמאנען יא געוויסע קערפערליכע גלידער ווען מען רעדט פון די הנהגה פון השם יתברך, צ.ב.ש.: (שמות ט ג) "הִנֵּה יַד ה' הוֹיָה בְּמִקְנְךָ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה"; (שמות כד י) "וַיִּרְאוּ אֵת אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל וְתַחַת רַגְלָיו כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת הַסַּפִּיר וּכְעֶצֶם הַשָּׁמַיִם לָטֹהַר"; (שמות לא יח) "שְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת לֻחֹת אֶבֶן כְּתֻבִים בְּאֶצְבַּע אֱלֹקִים", אבער עס איז באקאנט וואס די חז"ל זאגן (ברכות לא ב): "דברה תורה כלשון בני אדם". די גשמיות'דיגע שילדערונגען וואס מיר טרעפן אין די פסוקים זענען געשריבן געווארן נאר כדי מיר זאלן זיי פארשטיין, און זענען געזאגט געווארן נאר בדרך משל (רמב"ם שם).

אויסער וואס מ'קען נישט צושטעלן אויף הקב"ה א צורה פון א גשמיות'דיגע קערפער, קען מען אויך נישט צושטעלן צו אים א געשטאלט פון רוחניות'דיגע באשעפענישן אזוי ווי מלאכים, ווייל ער האט נישט קיין שום געשטאלט און אויסזען. דאס האט דער פייטן מכוון געווען זאגנדיג: "אין לו דמות הגוף ואינו גוף", מ'קען נישט צושטעלן צו הקדוש ברוך הוא א גשמיות'דיגע 'געשטאלט פון א קערפער', און אויך נישט א געשטאלט פון א 'אינו גוף' - ד.מ. א רוחניות'דיגע באשעפעניש. ווייל די מציאות פון ה' איז העכער פון די באגריף פון א מענטש און האט אינגאנצן נישט קיין אנונג אין דעם, אזוי ווי עס שטייט (ישעיה מ יח): "וְאֶל מִי תְּדַמְּיוּן אֵ-ל וּמַה דְּמוּת תַּעַרְכוּ לוֹ" (סידור השל"ה).

### דער מקור פון דער עיקר

אויף דער עיקר פון אמונה זענען מיר באפוילן געווארן אין תורה אין פסוק (דברים ד טו): "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם כִּי לֹא רְאִיתֶם כָּל תְּמוּנָה בְּיוֹם דִּבֶּר ה' אֲלֵיכֶם בְּחֹרֵב מִתּוֹךְ הָאֵשׁ". משה רבינו ווארנט אן די אידן נאכן הערן די שטימע פון ה' רעדט צו זיי פון הר סיני, זיי זאלן נישט א טעות האבן און טראכטן אז די קול איז געקומען פון א קערפער, ווייל הקב"ה איז נישט קיין קערפער און האט נישט קיין קערפערליכע געשטאלט (רמב"ם שם; רמב"ן דברים ד טו).

צוליב דעם ביי די ציווי (שמות כ ד): "לֹא תַעֲשֶׂה לְךָ פֶסֶל וְכָל תְּמוּנָה", איז נישט אריינגערעכנט אין דעם נאר דער איסור צו טון א אויסגעשניצטע בילד פאר עבודה זרה, נאר מ'טאר אויך נישט טון אזא בילד וואס איז א סימבאל און א געדענקעניש פארן באשעפער אליין. הקדוש ברוך הוא איז נישט קיין קערפער און האט נישט קיין קערפערליכע געשטאלט, און ווען עס איז געטון מיט א ציל אים צו געדענקען (ר"י בכור שור שמות כ ד).

### מיר האבן נישט קיין באגריף אין די הייליגקייט פונעם באשעפער

די ווערטער: "לא נערוך אליו קדושתו" ווערט אזוי ערקלערט אין פירוש 'באר חיים': מיר זאלן נישט א טעות האבן און טראכטן אז אזוי ווי די אידן ווערן אנגערופן קדושים אנטקעגן די אומות העולם, אויף דעם וועג ווערט אויך דער באשעפער אנגערופן קדוש אקעגן אונז. ניין! דער באשעפער איז דער מקור הקדושה און מיר האבן נישט די מעגליכקייט צו קענען אפשאצן זיין קדושה. כדי מיר זאלן אריינפרעגלען אין אונז אט די געדאנק זאגט דער פייטן: "לא נערוך אליו [צו דער קערפער] קדושתו" ענק זאלן נישט מעסטן די הייליגקייט פונעם באשעפער אקעגן די הייליגקייט פון די קערפער, ווייל די קדושה פונעם באשעפער איז פארהוילן פון אונז, און מיר קענען עס אינגאנצן נישט שאצן אין אונזערע אויגן לויט די באגריפן פון הייליגקייט וואס מיר קענען.

דאס זאגן די חכמים אין מדרש (ב"ר צ ב): "'דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו' (ויקרא יט ב), יכול כמוני? תלמוד לומר: 'כי קדוש אני ה' אלקיכם' -קדושתי למעלה מקדושתכם. ענק זאלן נישט מיינען אז די הייליגקייט פונעם באשעפער איז מעין ענקער קדושה, נאר עס איז אין מער א העכערע מדריגה, ניין, ענק זאלן וויסן "קדושתי למעלה מקדושתכם" און ענק האבן אינגאנצן נישט קיין אנונג אין דעם.

### די עיקרים זענען מרומז אין די נאמען אד"ם

א וואונדערליכע הארה וואס איז פארבינדן מיט די דריי ערשטע עיקרים, האט געזאגט **רבי יהושע באב"ד** טארנאפאלער רב:

אויב מיר וועלן אריינטראכטן וועלן מיר זיך איבערצייגן אז די דריי ערשטע עיקרים, וואס רירן אן די אונטערשייד צווישן הקדוש ברוך הוא און זיינע באשעפענישן - **מציאות ה', אחדות ה'**, זיין דמות, זענען ראשי תיבות 'אד"ם'. דאס קומט אונז באטאנען אז טראץ דער מענטש איז באשאפן געווארן מיט א צלם אלוקים, איז נישטא קיין שום מעגליכקייט צוגלייכן חלילה דעם מענטש צום באשעפער.

צוליב דעם האט מען אויך מתקן געווען צו זאגן ביי 'קדושה' דריי מאל - 'קדוש קדוש קדוש'; ווייל 'קדוש' איז טייטש 'אפגעטיילט און אפגעשיידט' (רש"י ויקרא יט ב), און אין אט די דריי ווערטער רופן מיר אויס אז הקדוש ברוך הוא איז אפגעשיידט פון אונז מיט די דריי הויפט עיקרים: זייענדיג דער בורא און מנהיג, זייענדיג א יחיד און ער האט נישט קיין קערפערליכער געשטאלט (שו"ת 'ספר יהושע' בהקדמה).

**אֵין לוֹ דְמוּת הַגּוּף** פון איינע פון די גשמיות'דיגע באשעפענישן, וְ-און אויך נישט א געשטאלט פון **אֵינוֹ גוּף** - א רוחנית'דיגע באשעפעניש. **לֹא נַעֲרֹךְ** מיר וועלן נישט אפשאצן **אֵלָיו** - צו די קדושה וואס איז אנגענומען אין די קערפערליכע באגריפן, די **קְדֻשָּׁתוֹ** פון הקדוש ברוך הוא, ער איז דער מקור הקדושה און מיר האבן נישט קיין השגה אין דעם.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## הונט וואס האבן מחזיר בתשובה געווען

אין די לעצטע צענדליגע יארן האט די עולם התשובה זוכה געווען צו א געוואלדיגע חיזוק, ווען צענדליגער טויזנטער אידן, קינדער פון פארבלאנדזשע פאמיליעס האבן זוכה געווען ארויס גיין פון די געפענגעניש פון יצר הרע און צוריק קערן צו די אלטע אויסגעטרויטעטענעם אידישן וועג נאך אסאך יארן זיין אינגאנצן דערווייטערט. דער וואס איז זיך מתבונן אין די טויזנטער משפחות וואס זענען אויפגעבויעט געווארן אויף די פונדאמענטן פון תשובה, און זענען היינט א טייל פון די ערליכע אידנטום, וועט נישט אזוי שנעל פארשטיין; וויאזוי אין א העלן טאג לאזט אפ א מענטש א וועלט וואס גלאנצט, און מיט זיין אייגענעם ווילן איז ער זיך משעבד אונטער די עול התורה והמצוות, און אמאל פעלט נאך אויס ער זאל אויך מסכים זיין צו א שווערע לעבן כדי צו קענען שטייגן אין די תורה'דיגע וועלט?!

יעדע ערציילונג פון די וואס האבן תשובה געטון איז פארבינדן מיט א ספעציעלע השגחה פרטית, אסאך מאל האט זיך עס אנגעהויבן אין א פארצופאלדיגן באגעגעניש וואס האט צוגעפירט זיך צו אינטערעסירן און זוכן דעם ריכטיגן וועג, אזוי ווי ביי די פאלגנדע וואונדערליכע ערציילונג, וואס איז געהערט געווארן הערשט-האנטיג פון דער בעל המעשה:

"איך בין אויפגעוואקסן געווארן אין א הויז וואס איז געווען אפגעריסן פון תורה און מצוות", הייבט אן דער מענטש און דערציילט, "אין לויף פון מיין לעבן איז מיר נישט איינמאל אויסגעקומען צו ארבעטן צוזאמען מיט שומרי תורה ומצוות. קיינמאל האב איך זיך נישט צופיל אינטערעסירט אין זייער לעבנ'ס שטייגער, אבער איין זאך האט שטענדיג געצויגן מיין אויפמערקזאמקייט און האט מיך צוגעברענגט צו א גרויסע איבערראשונג:

שטענדיג בין איך שטיין געבליבן זעענדיג די אידן וואס בעפאר זיי האבן אריינגענומען אין מויל עסן אדער טרינקען, האבן זיי זיך אפגעשטעלט און געזאגט א ברכה, און נאר נאכדעם האבן זיי געזעטיגט זייער הונגער. דאס האט צוגעברענגט איך זאל זייער שעצן אט די מענטשן. ווען איך, יעדע מאל ווען איך האב גענומען א עסנווארג כדי צו שטילן מיין הונגער, איז מיין איינציגסטע געדאנק געווען אויף די עסן וואס איך האלט אין האנט. די מעגליכקייט פון א מענטש זאל קענען אפשטעלן זיין גלוסטעניש אויף א קורצע ווײַלע, זיך מתבונן זיין און איינערקענען דער וואס ער באשאפן דעם עסנווארג וואס ער האט אין האנט, און אים דאנקען מיט א ברכה פארן עסן, איז געווען פאר מיר א באוויז וואו די 'רוח' קען געוועלטיגן אויף די 'חומר'.

נאר ווען עס קען לעבן אויף דעם וועג, ווען די רוח געוועלטיגט אויף די חומר, איז בארעכטיגט צו טראגן דעם טיטול 'אדם', אזוי האב איך געטראכט צו מיר, אבער טראץ דעם, בין איך נישט געווען מסוגל צו טון די ריכטיגע טריט און צום וויי'ניגסטנס וועלן לערנען און פארשטיין די ריכטיגע בילד פון די ערליכע לעבן. איך האב מורא געהאט טאמער צוליב דעם וועל איך זיין מחוייב עס אויספירן...

איך האב פארגעזעצט מיין געווענליכן לעבן, ווען פון מאל צו מאל קלאפט מיר מיין הארץ, פארוואס איך בין נישט קיין 'נאה דורש ונאה מקיים', אבער ווי עס זעט אויס איז נאכנישט אנגעקומען די צייט...

די טויש האט פאסירט, אזוי ווי אייביג, דורך א איבערראשנדע ערציילונג. אין א געוויסע טאג האב איך געדארפט באזוכן אין א גרויסע פארעם, ווען איך בין דארט אנגעקומען האב איך זיך דערוואוסט אז דער בעל הבית וואס איז מיין פריינד פון די יוגנט יארן איז אין די לעצטע יארן געווארן א שומר תורה ומצוות. מיר האבן זיך געפריידט זיך צו טרעפן איינער מיטן צווייטן, מיר האבן פריינדליך געשמועסט, און בעפאר איך האב געהאלטן ביים גיין האט מיך מיין חבר פארגעשלאגן איך זאל גיין זען א אינטערעסאנטע ערשיינונג.

'זיכער!' - האט איך רעאגירט, און מיין פריינד האט מיך באלד געפירט צו די שטאל פון די ציגן וואס געפונט זיך אין די עק פון די פארעם. ביי די טיר האבן געהויערט פינעף שרעקעדיגע הונט וואס זענען דארט געווען אכטונג געבן אויף די שאף פון 'גניבות' - א 'שיינע נאמען' אויף די שרעקליכע ערשיינונג וואס האט שוין חרוב געמאכט די פרנסות פון אסאך פארמער.

די הונט האבן אויסגעזען זייער אויסגעהונגערט, און מיין פריינד האט ארויסגענומען עטליכע שטיקלעך פלייש פון א זעקל וואס ער האט געהאלטן אין זיינע הענט און זיי געווארפן צו זייער ריכטונג. איך האב געווארט צו זען ווי זיי שפרינגען באלד ארויף אויף זייער שפייז, אבער איך בין שטארק איבערראשט געווארן ווען איך האב געזען אז די הונט האבן אינגאנצן נישט צוגערירט די פרישע עסן וואס איז פאר זיי געווארפן געווארן. זיי האבן זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאנגען נאנט צו די עסן, פון זייער מויל איז גערינען שפייעכץ, אבער זיי האבן זיך נישט דערוואגט אנרירן די עסן.

מיין גוטער פריינד האט ארויסגענומען פון זיין טאש א קליינע פלעשל-וואסער, און געזאגט הויעך א ברכה און מיט גרויס כוונה: "ברוך אתה... שהכל נהיה בדברו", און אין די מינוט וואס ער האט געענדיגט זאגן די ברכה, בעפאר איך האב אנגעיאגט ענטפערן 'אמן', זענען די הונט שוין ארויפגעשפרונגען אויף זייער שפייז און אין א מינוט איז גארנישט געבליבן.

איך בין שטיין געבליבן אינגאנצן איבערראשט, אויב ביז יעצט האב איך געזען פרומע מענטשן וואס עסן נישט אן א ברכה פון פריער, פלוצלינג זעה איך אז עס זענען אויך דא 'פרומע' הונט וואס זענען מקפיד נישט עסן אן א ברכה... איך בין געווען צומישט, און מיין גוטער פריינד האט מיך ארויסגענומען פון די פלאנטער מיט זיין אינטערעסאנטן ערקלערונג אויף די מאדענע ערשיינונג:

'אזוי ווי דו פארשטייסט זיכער, די הונט האבן דא א חשובע אויפגאבע, היטן די שאף פון די גנבים'. איך האב געשאקלט מיין קאפ ווי א הסכמה. זיכער אזוי'.

'פאר א יאר האט דא פאסירט זייער א נישט גוטע פאסירונג, ווען עטליכע פון מיינע גוטע שכנים...', האט ער פארגעזעצט זיין ערציילונג, און ביי די פונקט איז זיין שטימע אביסל אפגעשוואכט געווארן. ער האט געקוקט מיט פארוויינטע אויגן אויף די דערנעבנדיגן אראבישן דארף: 'נידעריגע גנבים זענען דא אנגעקומען אין די פינסטערניש פון די נאכט און פון דא האבן זיי ארויסגערויבט צענדליגע שאף וואס זייער ווערד צוזאמען איז אנגעקומען צו א ריזן סומע פון העכער הונדערט און פופציג טויזנט שקלים.

אויפצומארגנ'ס, אין די מינוט וואס איך האב זיך דערנענטערט צו די פארעם האב איך שוין געשפירט די מאדענע שטילקייט וואס האט געהערשט דארט און איך בין אויפגעציטערט געווארן. ווען איך האב זיך דערנענטערט צו די שטאל און זיך איבערגעצייגט אין די שאדן, בין איך באלד געגאנגען זען וואס איז מיט די הונט, פארוואס האבן זיי נישט געהיטן?! - האב איך זיך געוואונדערט, און זייער שנעל האב איך אלעס פארשטאנען. עס זעט אויס אז די כיטרע גנבים האבן געווארפן פאר זיי עסן וואס איז געווען פארגיפטעט מיט זייער א שארפע גיפט, וואס דאס האט צוגעברענגט צו זייער טויט אין עטליכע סקונדעס. אזוי האבן די רשעים מצליח געווען אין א קורצע צייט אוועק נעמען מיין גאנצע פארמעגן.

דערנאך וואס איך האב מיך אביסל בארואיגט פון די גרויסע בראך וואס האט מיך אנגעטראפן, האב איך געבארגט געלט פון פארשידענע מענטשן און געקויפט א נייע סטאדע ציגן, און צו דעם האב איך אויך געקויפט פינף נייע הונט וואס זאלן היטן. איך האב פרובירט טראכטן פון א געדאנק וואס זאל צוברענגען אז אזא פאל זאל נישט נאכאמאל פאסירן, און דער באשעפער האט אין מיר אריינגעגעבן א געדאנק.

מיט די הילף פון א ספעציאליסט אויף צו צוגעוואוינען הונט איך מיר געלונגען צוגעוואוינען די נייע הונט זיי זאלן נישט אנרירן קיין שום עסן וואס וועט פאר זיי אראפגעלייגט ווערן, ביז זיי הערן נישט פון פריער די ברכה 'שהכל נהיה בדברו'. האב איך געוואוסט, אז פון יעצט און ווייטער זענען די מיילער פון די הונט פארשפארט מיט א נומער-שלאס וואס די פאטענציעלע גנבים וועלן קינמאל נישט קענען וויסן...

פון דעמאלטס און ווייטער, מיטן אייבערשטנ'ס הילף, איז מיין הארץ רואיג. די 'שלאס' האט זיך ארויסגעוויזן ווי זייער נוצליך, אזוי ווייט אז פאר א שטיקל צייט צוריק האב איך געדארפט אוועקפארן אויף עטליכע טעג און איך האב געשטעלט איינעם פון מיינע פריינד זאל זיך אפגעבן מיט די פארעם, און יענער האט זיך פארבינדן נאך צוויי טעג און דערציילט דערשראקענערהייט אז די הונט גייען שטארבן פון הונגער... איך האב זיך אונטערגעשמייכלט, איך האב אים געבעטן ער זאל מאכן זיין סעלפאון אויף ספיקער, און דערנאך וואס איך האב הויעך געזאגט 'שהכל נהיה בדברו', האבן די הונט באלד געגעסן, און אויך געבעטן נאך א פארציע...'

יעצט האט זיך מיין פריינד געזעגנט פון מיר, און איך האב זיך צוריק געקערט אינגאנצן צוטומלט און אויפגעשוידערט פון די וואונדערליכע ערשיינונג. מיין לעבן וואלט געקענט פארן ווייטער אויף די אלטע וועג, ווען נישט פון יענע מינוט וואס איך בין ארויס פון די פארעם, האט מיך אנגעהויבן ווי טון מיינע אינערליכע געפילן - 'אפילו הונט עסן נישט אן א ברכה' - האב איך געטראכט צו מיר, 'און דו?! דו ביזסט ערגער פון זיי...??'

ספיציעל האט מיך טיף באריכט די וועג וויאזוי מיין פריינד האט געשילדערט די זאך, ווי כאילו זייער מיילער זענען פארשלאסן מיט א נומער-שלאס וואס ביז ווען די הונט וועלן עס נישט עפענען וועלן זיי נישט עסן. איך האב געטראכט צו מיר אז אויך מיין מויל דארף זיין פארשלאסן מיט אזא שלאס, וואס זאל מיך אפהאלטן פון עסן אן א ברכה, און וויאזוי לאז איך פאר מיר עסן אן קיין ברכה.

ווייל איך האב איינגעזען די חשיבות פון די ברכה, האב איך אנגעהויבן זיך פארטיפן און טראכטן פאר וועמען זאגט מען די ברכה. איך האב געהאט אסאך שאלות און איך האב באשלאסן גיין צו א 'סעמינאר' וואס איז ארגאנעזירט דורך איינע פון די תשובה ארגאניזאציעס כדי צו אויסקלארן די בילד, און פון דארט איז שוין קורץ געווען די וועג ביז צו מקבל זיין אויף זיך אינגאנצן דעם עול המצוות. ברוך שקרבני המקום לעבודתו".

'קול ברמה' ניסן תשפ"א

עיצובים shay

"בני אמונים" ת.ד. 102 בני ברק | פקס. 08-9746102 | מייל. 9139191@gmail.com | ניתן לקבל עלון זה במייל מידי שבוע